בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת פינחס תשפ"ד

גליון 755 [שנה ט"ז]

**ברית כהונת עולם מיינט כהונה גדולה!**

וְהָיְתָה לּוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם תַּחַת אֲשֶׁר קִנֵּא לֵאלֹקָיו וַיְכַפֵּר עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: (כה יג) זאגט רש"י אז בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם: מיינט מען האט אים געגעבן די כהונה, אַף עַל פִּי שֶׁכְּבָר נִתְּנָה כְּהֻנָּה לְזַרְעוֹ שֶׁל אַהֲרֹן, מען האט שוין געגעבן די כהונה צו אהרן און זיינע קינדער איז דאך פינחס אין דעם כלל? ענטפערט רש"י לֹא נִתְּנָה אֶלָּא לְאַהֲרֹן, וּלְבָנָיו שֶׁנִּמְשְׁחוּ עִמּוֹ, די כהונה האט מען נאר געגעבן פאר אהרן און די וואס מען האט געזאלבט מיט אים, אֲבָער פִּינְחָס, שֶׁנּוֹלַד קֹדֶם לָכֵן, ער איז געבוירן פאר מען האט זיי געזאלבט איז נאך נישט געווארן א כהן ביז דער בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם און אזוי שטייט אין מס' (זְבָחִים דף ק"א ע"ב): לֹא נִתְכַּהֵן פִּינְחָס עַד שֶׁהֲרָגוֹ לְזִמְרִי. אז נאר יעצט איז ער געווארן א כהן, און דאס זעלבע שטייט אין רבינו בחיי, שטעלט זיך א קשיא אויב בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם מיינט כהונה אויב אזוי פארוואס שטייט נאכדעם "אַחֲרָיו" וואס איז איבעריג, ווייל דאס איז א פשיטות אז אויב פינחס איז געגעבן געווארן די כהונה זענען זיינע קינדער נאך אים אויך כהנים? נאר עס שטייט פון די פריערדיגע חכמים אז דער בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם מיינט כהונה גדולה, און פינחס איז געווען דער זון פון אלעזר וואס איז געווען א כהן גדול, אבער פון וואנעט האבן זיי גענומען אזא חידוש? נאר דערווארט "אַחֲרָיו" איז דער שליסל, ווייל אויב מען רעדט נאר וועגן א כהן הדיוט, קען זיין א טאטע מיט א זון צוזאמען, אבער כהונה גדולה קען נישט זיין א טאטע מיט א זון אין דעם זעלבן צייט, נאר נאך די פטירה פון זיין טאטן קען דער זון איבערנעמען די כהונה גדולה, קומט אויס להפליא, אז זייער ראי' איז גאר פון דעם איבעריגן ווארט "אַחֲרָיו", אז די מתנה איז געווען כהונה גדולה פאר פינחס און דאס וועט קענען איבערגיין נאך זיין פטירה צו זיינע קינדער "אַחֲרָיו", לפי"ז איז זייער שיין פארוואס שטייט "וַיְכַפֵּר" עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. א לשון עתיד "וַיְכַפֵּר" ער וועט מכפר זיין, ווען עס וואלט געדארפט שטיין "וְכִיפֵּר" עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, ער האט שוין מכפר געווען? נאר ווייל נאר א כהן גדול איז מכפר אויף כלל ישראל מיט זיין עבודת יו"כ, קומט אויס פשט אין פסוק: תַּחַת אֲשֶׁר קִנֵּא לֵאלֹקָיו און האט געשאפט א כפרה אויף כלל ישראל, דעריבער וועט ער באקומען די כהונה גדולה, וואס וַיְכַפֵּר עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לעתיד, אז אין אלע דורות וועט דער כהן גדול מכפר זיין אין יו"כ. (רחובות הנהר הגאון ר' זאב וואלף טעננבוים) לויט דעם חידוש וועט מען דארפן זאגן אז רש"י און רבינו בחיי זענען נישט געווען שווער דער ווארט "אַחֲרָיו", און זיי האבן דאך די ראי' פון גמ' זבחים לֹא "נִתְכַּהֵן" פִּינְחָס עַד שֶׁהֲרָגוֹ לְזִמְרִי. אבער די אנדערע חכמים וועלן מוזן אייטייטשן לֹא "נִתְכַּהֵן" פִּינְחָס, אז דאס מיינט כהונה גדולה, וועגן דעם ווארט "אַחֲרָיו". (שמח זבולון תשפ"ד)

**דרוש נחמד וועגן שכינה מדברת מתוך גרונו של משה**

לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם: וְהָיְתָה לּוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם תַּחַת אֲשֶׁר קִנֵּא לֵאלֹקָיו: (כה יב יג) פרעגט דער אור החיים הק' פארוואס שטייט דער ווארט "לָכֵן", ווען עס שטייט ווייטער תַּחַת אֲשֶׁר קִנֵּא וואס דאס מיינט שוין "לָכֵן"? אויך קען מען מוסיף זיין אז עס שטייט שוין פריערט (פסוק י) וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר: אז משה זאל זאגן, אויב אזוי פארוואס שטייט דא ווייטער "לָכֵן אֱמֹר"? נאר מיר טרעפן אין די הייליגע ספרים אז עס איז געווען צוויי אופנים פון דעם אויבערשטנס ציווי צו משה צו רעדן, איינס איז געווען א שליחות איבערגעבן די רייד פון ה', און אויך איז געווען די בחינה פון שכינה מדברת מתוך גרונו של משה וואס שטייט אין (זוה"ק פינחס רלג א און תיקו"ז סוף תיקון ל"ח און ילקוט ראובני ס"פ יתרו בשם ספר המגיד) און דאס שטייט ביי פסח שני (במדבר ט ח) וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם מֹשֶׁה עִמְדוּ וְאֶשְׁמְעָה מַה "יְצַוֶּה ה' לָכֶם": אז די אידן האבן געהערט דעם דיבור און קול פון ה' "יְצַוֶּה ה'", און משה איז געווען דער צינור און כלי צו מקבל זיין דעם דיבור און דאס שטייט אויך (במדבר יב ז- ח) לֹא כֵן עַבְדִּי מֹשֶׁה בְּכָל בֵּיתִי נֶאֱמָן הוּא: פֶּה אֶל פֶּה אֲדַבֶּר בּוֹ, כביכול, דער פה פון קוב"ה האט גערעדט דורכן פה פון משה, און לויט די חשיבות פון דעם ענין איז געווען די בחינה פון שכינה מדברת מתוך גרונו של משה, דעריבער ווען עס וואלט נאר געשטאנען וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר, קען דאס מיינען איבערגעבן דעם אמירה צו פינחס מיט א שליחות, וועגן דעם שטייט " לָכֵן", ווייל פינחס האט געטאן א גאר חשובע זאך פון קנאת ה', דעריבער זאל זיין אֱמֹר, די שכינה רעדט, הִנְנִי, נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם. (שמח זבולון תשפ"ד)

**המשך- לפי"ז קען מען פארשטיין פסוקים שפעטער אין די פרשה**

וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה קַח לְךָ אֶת יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ וְסָמַכְתָּ אֶת־יָדְךָ עָלָיו: וְנָתַתָּה מֵהוֹדְךָ עָלָיו וגו' וַיַּעַשׂ מֹשֶׁה כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֹתוֹ וַיִּקַּח אֶת יְהוֹשֻׁעַ וַיַּעֲמִדֵהוּ לִפְנֵי אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן וְלִפְנֵי כָּל הָעֵדָה: וַיִּסְמֹךְ אֶת יָדָיו עָלָיו וַיְצַוֵּהוּ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר ה' בְּיַד מֹשֶׁה: (כז יח–כג) דא האט דער אויבערשטער געהייסן משה זאל איבערגעבן די הנהגה פון כלל ישראל נאך זיין פטירה צו יהושע, איז שווער אז עס שטייט שוין וַיַּעַשׂ מֹשֶׁה כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֹתוֹ, פארוואס דארף שטיין נאכאמאל וַיְצַוֵּהוּ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר ה' בְּיַד מֹשֶׁה? נאר מען קען מדייק זיין פריערט שטייט דער לשון "כַּאֲשֶׁר צִוָּה" ה' אֹתוֹ, און דא שטייט "כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר" ה' בְּיַד מֹשֶׁה? און אויך איז שווער פארוואס שטייט בְּיַד מֹשֶׁה, ווען עס וואלט געקענט נאר שטיין וַיְצַוֵּהוּ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר ה'? נאר לפי דברינו פריערט, קען מען זאגן דער זעלבע בחינה דא, ווייל דא איז געווען א ענין פון חשיבות פון איבערגעבן די הנהגה פון כלל ישראל, האט דער אויבערשטער געוואלט עס זאל נישט זיין א ציווי מיט א שליחות פון דעם אויבערשטן, וועגן דעם שטייט פריערט וַיַּעַשׂ מֹשֶׁה כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֹתוֹ, דאס איז געווען די שליחות אז משה זאל מסמיך זיין יהושע, אבער דער אמירה צו יהושע האט געדארפט זיין א שטארקע אמירה פון שכינה מדברת מתוך גרונו של משה, וועגן דעם איז הפלא דער לשון וַיְצַוֵּהוּ יעצט, כַּאֲשֶׁר ווען דִּבֶּר ה', דער דיבור פון די שכינה איז געקומען "בְּיַד מֹשֶׁה" דורך דער צינור און פה פון משה, וואס איז געווען דער כלי. (שמח זבולון תשפ"ד)

**משה האט געוואלט אז זיינע קינדער זאלן ווערן מנהיגים**

יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה : (כז טז) רש"י ד"ה יִפְקֹד ה' איז מסביר וואס האט משה רבינו געוואלט פון אויבערשטן? נאר ווען ער האט געזען אז דער אויבערשטער וויל אז עס זאל אריבער גיין די נחלה פון צלפחד צו זיינע טעכטער, האט משה געזאגט הִגִּיעַ שָׁעָה שֶׁאֶתְבַּע צְרָכַי, שֶׁיִּירְשׁוּ בָנַי אֶת גְּדֻלָּתִי. אויב אזוי איז יעצט די צייט אז מיין גדולה זאל אריבערגיין צו מיינע קינדער, אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: האט דער אויבערשטער געענטפערט:. לֹא כָךְ עָלְתָה בְמַחֲשָׁבָה לְפָנַי;



הוצא לאור ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"

כְּדַאי הוּא יְהוֹשֻׁעַ לִטֹּל שְׂכַר שִׁמּוּשׁוֹ, שֶׁלֹּא מָשׁ מִתּוֹךְ הָאֹהֶל. איך האט נישט אזוי געטראכט, און איך גיב דאס איבער צו יהושע. דארף מען פארשטיין אז משה האט געוואוסט אז זיינע קינדער זענען נישט אין די מדריגה פון יהושע? און אויך וואו ליגט דער טענה אין דעם פסוק? נאר פשט אין יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחֹת, אז דער אויבערשטער האט דער כח צו געבן רוח הקודש און מדריגות צו מיינע קינדער אויך! האט אים דער אויבערשטער געענטפערט קַח לְךָ אֶת יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן אִישׁ אֲשֶׁר "רוּחַ בּוֹ" וְסָמַכְתָּ אֶת יָדְךָ עָלָיו: ווייל יהושע האט שוין עפעס רוח הקודש וויל איך אים געבן מער, אזוי ווי עס שטייט אין גמ' (ברכות נה ע"א) אמר רבי יוחנן אין הקדוש ברוך הוא נותן חכמה אלא למי שיש בו חכמה און די ראיה איז פון (דניאל ב כא) יָהֵב חָכְמְתָא לְחַכִּימִין, דער אויבערשטער גיט חכמה צו א חכם, דעריבער קען איך אים געבן נאך חכמה אבער נישט צו דיינע קינדער וואס האבן נישט קיין רוח און חכמה. (פנים יפות עה"ת)

*מדור העובדות*

## ******הרה"ק ר' צבי הירש מרימינוב זצוק"ל ראטעוועט זיין חסיד פון א אומגליק באופן פלא******

אין יאר תר"ג איז געווען אין גאליציע א גרויסער רעסעסיע, מיתון, וואס האט צוגעברענגט אז א גרויסע טייל פון די אידן וועלכע האבן פארדינט זייער פרנסה דורך זיין אנגעשטעלט אין פארשידענע ארבעטס פלעצער, זענען געבליבן אן פרנסה, און זייער אסאך זענען נאר אנגעקומען צו אביסל ברויט און וואסער, הרה"ה ר' מנחם פרידמאן האט געוואוינט אין שטאט הומענעא, וואס ער איז געווען פון די נאנטע חסידים פון הרה"ק ר' צבי הירש משרת דער ממלא מקום פון הרה"ק ר' מנחם מענדל ב"ר יוסף מרימינוב זצוק"ל, נאך וואס ער האט זייער אסאך געזוכט אומעטום, האט ער געטראפן א ארבעט ביי א אידישע וויין און בראנפן ברענעריי לעבן זיין שטעטל. דער בעל הבית איז אויך געווען איבער גליקלאך אז ער האט געטראפן א חסידישער ארבעטער וואס ער קען געטרויען, דער בעל הבית איז אויך געווען א חסיד פון ר' הערשל.

ר' מנחם האט געגעבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן אז ער וועט קענען ברענגען עסן פאר זיין משפחה, עס האט זיך גוט אויסגעארבעט און ר' מנחם האט געפירט די גאנצע ברענעריי און שיין פארדינט. איין טאג בעט אים זיין בעל הבית אז היות ער האט א נאנטע משפחה וואס דארף א רפואה, בעט ער אים אויב ער קען פארן קיין רימינוב מזכיר צו זיין דעם חולה, און ר' מנחם האט מסכים געווען, זייענדיג ביים רבין האט ער מחליט געווען אז ער וועט שוין שרייבן א קוויטל פאר אים און די משפחה, ווען דער רבי האט געליינט זיין קוויטל פרעגט ער אים: צו ער ארבעט אין א וויין ברענעריי? האט ר' מנחם געענטפערט אז יא, רופט זיך אן דער רבין אז איך ראט דיר אז דו זאלסט זיך אנטזאגן פון דארט!

דאס איז געפאלן אויף ר' מנחם ווי א דונער אינמיטן טאג, און נעמט זיך קלאגן פארן רבין אז נאך אזויפיל שוועריקייט האט ער קאם געטראפן א גוטע ארבעט און האט צו געבן עסן פאר זיין משפחה, און יעצט וועט ער שוין מוזן זוכן א אנדער פרנסה, ווען דער רבי ווייסט ווי שווער עס איז צו טרעפן א ארבעט! האט אים דער רבי געענטפערט אויב דו ווילסט ממשיך זיין ארבעטן דארטן קענסטו טאן וואס דו ווילסט, איך צווינג דיר נישט אוועק צו גיין, אבער איך מיין אז דו זאלסט יא אוועקגיין פון דעם ברענעריי שוין און דער אויבערשטער וועט דיר זיכער נישט פארלאזן און טרעפן א ארבעט שנעל.

אויפן וועג אהיים האט ער גענומען ציטערן און אנגעפאנגען וויינען זייער שטארק טראכטענדיג ווי אזוי וועט ער קענען זיך באווייזן פאר זיין געטרייע בעל הבית, און אין אזא צייט וואס עס איז כמעט אומעגלאך צו טרעפן א ארבעט, און אזוי וויינענדיג איז ער אנגעקומען צו זיין בעל הבית און דערציילט אים וואס דער רבי האט אים געזאגט און דער בעל הבית האט אויך מיט געוויינט ווייל קאם האט ער געטראפן א היימישער ארבייטער און יעצט ווער ווייסט וואס פאר א ארבעטארער וועט ער באקומען.

ווי געזאגט זענען זיי ביידע געווען חסידים און האבן געוואוסט אז ר' הערשלע מיינט זייער טובה, און מען האט פרובירט זיך מחזק זיין אין אמונת צדיקים ביז זיי האבן מחליט געווען אז אלעס וועט זיך אויסארבעטן לטוב! און זיי האבן זיך געזעגנט מיט א שווערע הארץ אבער מיט אמונה אין צדיק.

עס גייט אריבער א פאר וואכן און ר' מנחם הערט קלאפן אויף זיין טיר און ווען ער עפענט די טיר איז ער געווארן איבער'רעשט צו זען זיין פריערדיגן בעל הבית ביים טיר און ער לאזט אים אריין און מען זעצט זיך צום טיש און דער בעל הבית הויבט אן: אונזער רבי האט אלעס געזען! פרעגט אים ר' מנחם: וואס מיינט ער? האט ער דערציילט אז גלייך ווען דו האסט זיך אנטזאגט האב איך געטראפן צוויי גויים וואס איך האב זיי געקענט און זיי האבן געוואוסט דעם פאך און איך בין געווען צופרידן אז איך האב זייער שנעל געטראפן ארבייטערס!

אבער איין טאג האט איך געהערט פון ברענעריי אזוי ווי עס האט געפלאצט א באמבע און איך בין שנעל געלאפן צום ברענעריי און עס איז מיר שלעכט געווארן! איך זע די צוויי גויים ליגן טויט ווייל דער גרויסער ברענענדיגער פאס האט געפלאצט און איז געפאלן אויף די גויים, די פאליציי זענען געקומען אבער זיי האבן געזען אז עס איז געווען א אונס און מען האט מיר אפגעלאזט! עס איז יעצט קלאר אז דער רבי האט דאס געזען!

האט דער בעל הבית ווייטער געזאגט אויב חלילה וואלסטו געארבעט ביי מיר ווער ווייסט? דער רבי האט דיר געראטעוועט! ממילא האלט איך אז מיר זאלן גיין צום רבין און אים דערציילן וואס איז געשען! זיי זענען געפארן קיין רימינוב און צו זייער וואונדער ווי נאר זיי זענען אריין אין צימער האט דער רבי זיי ווארעם אויפגענומען און גלייך געזאגט ר' מנחם קענסט יעצט צוריקגיין ארבעטן ביים ברענעריי, און פארן בעל הבית האט דער רבי געזאגט קענסט צוריק האבן דיין געטרייע ארבייטער. דער בעל הבית האט דערציילט פאר ר' הערשל וואס איז געשען אבער ר' הערשל האט אלעס פאראויס געזען, און זיי האבן געדאנקט דעם רבין און ר' מנחם האט געארבעט דארטן אסאך יארן, ר' צבי הירש איז נסתלק געווארן אור ליום א' דר"ח כסלו תר"ז, און אויף זיין מצבה אין רימינוב שטייט מרן רב צבי הירש הכהן הגדול זצלה"ה, זיע"א.

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $9500 מכתב של הגאון ר' חיים עוזר מתרעם על מצב של הישיבות הגדולות והקטנות שעומדים לסגור $1800 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת עם הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 מגן אבות קאפוסט דפוס ראשון שבעה חלקים $1500 ד' חוברות כת"י חיבור על הרמב"ם הל' מילה, הל' ת"ת הל' עכו"ם ועוד הלכות ומיישב דברי הרמב"ם מקושיות הכס"מ והראב"ד נכתב בבריסל תרצ"ז $2500 חומש תורה תמימה ד' חלקים עם ד' הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 חיי אדם זיטאמיר $800 ספר שו"ת מהר"י קולון שייך להרה"ק ר' יהושע מאוסטראווצא בעל תולדות אדם עם ד' הגהות $2500 אדמו"י מלכות בית טשערנאביל $500 מי יראינו טוב על טשרנאביל $140 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת הקרן לדוד $2800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעבנאוו $5000 ספר שייך להרה"ק ר' מנדל מסטראפקוב $1000 א רשימה פון אונזער ספרים

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 summer Hours are 12 -7:00 Fri 11-1:30,

**To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website** *www.seforimworld.com*

מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פדיון נפש אויך אלטע געלט